אין חדר איז געווען ווארעם און ר׳ שלום־שכנא האט ניט באדארפט פאר א צוגאב צו דער קאלדרע זיך איבערדעקן אויך מיט זײַן פוטער. גלײַך ווי ער האט צוגעמאכט די אויגן איז ער אויף א ווײַל אריינגעפאלן אין א האלב־וואכן דרימל. ער האט זיך געזען זיצן אין אסטראקאלקער שולכל א פארגעסענער פון דער גאנצער וועלט. ער האט זיך אפגעזאגט פון מארעדאליער רבנות, איבערגעלאזט די מישפחה, דעם אוצר ספרים, און האט אפילו פארגעסן דעם תלמוד בבלי וואס ער האט א לעבן לאנג געלערנט. ער זיצט אין אסטראקאלקער בית־מדרש און זאגט תהילים. בעת־מעשה האט אבער ר׳ שלום־שכנא געוואוסט אז ס׳איז ניט אמת. ער רעדט זיך בלויז אײַן אז ער שלאפט און חלומט. ער שלאפט ניט און חלומט ניט. ער טראכט פון זײַן צער גידול בנים. נאר וויפל צער ער לײַדט ניט פון בײדע טעכטער און די ייִנגערע צוויי זין, האט ער פארט דערבײַ דעם נחת־רוח פון א טאטן וואס זעט זײַנע קינדער. דעם גרעסטן עגמת־נפש האט ער פון בכור נפתלי־הערץ וואס לעבט אין שווייצאריע. נפתלי־הערץ האט א דיפלאם פון א דאקטער פילאסאפיע, ארבעט אין שווייצאריע אין א ביבליאטעק, האט א ווײַב און אויך א זון. נאר דאס אלץ ווייס מען פון בריוו וואס נפתלי־הערץ שרײַבט איין מאל אין א שמיטה. ער האט נאך קיין מאל ניט פארבעטן צו זיך טאטע־מאמע, אדער א ברודער צי א שוועסטער. און ער פון זײַן זײַט איז זינט לאנגע יארן שוין ניט געווען צו גאסט אפילו אין דער היים.

ר׳ שלום־שכנא דערפילט ווי פון זײַן קול רײַסט זיך א כליפענייש. נאר א פראסט איז אים ארײַן אין האלדז און לאזט אים ניט ארויסוויינען א פסוק תהילים. דאס הארץ גייט אים אויס צו זאגן נאך א מאל און ווידער א מאל דעם זיסן פסוק: שבתי בבית השם לאורך ימים, אוי, שבתי בבית השם לאורך ימים. נאר ס׳װארגט אים און ער קען עס פון זיך ניט ארויסברענגען. פלוצעם דערזעט ער אז דער אסטראקאלקער רב גייט צו אים מיטן גרויסן שווערן לײַכטער אין דער האנט און דאס ליכט אין לײַכטער ברענט ווי א רוצחיש אויג פון א װאלד־גזלן. דעם אסטראקאלקער רבס פנים איז פארהוילן אין דער פינצטערניש. דאס ליכט אין לײַכטער אבער גליט אלץ בלוטיק־רויטער און קומט אלץ נענטער, וויל אנטערצינדן דעם שטרויזאק אונטער אים און אים פארברענען לעבעדיקערהייט. ווײַל זײַנע קינדער גייען ניט אין דרך־הישר. „וואס האב איך געקענט טאן און האב ניט געטאן? פאר וואס קומט מיר דער טויט דורך שריפה?״ יאמערט ר׳ שלום־שכנא — און כאפט זיך אויף א באשלאגענער מיט אנגסטן.

דער אסטראקאלקער רב איז איבער אים געשטאנען מיטן לײַכטער אין דער האנט און אים געוועקט. „וואס איז אײַך? איך האב אין צווייטן חדר דערהערט ווי איר וויינט פון שלאף,״ האט ר׳ יום־טוב ליפא געמורמלט מיט רוגזה. גלײַך ער וואלט דעם אורח דערמאנט אז דער שלאף פון אמתע צדיקים איז רואיק. „איך ווייס ניט וואס מיר איז. איך בין עפעס ניט געזונט,״ האט ר׳ שלום־שכנא געקרעכצט און זיך איפגעזעצט א פארשוויצטער, שווער געאטעמט און זיך געבעטן. „איך זע דא א שטענדער, איז אפשר קענט איר לערנען דא אין חדר, מיר זאל זײַן פריילעכער? שלאפן וועל איך שוין סײַ ווי ניט.״

ר׳ יום־טוב ליפא איז ארויס און איז באלד צוריקגעקומען מיט א גרויסער טיטש־גמרא. ער האט זיך געשטעלט לערנען און זײַנע הויכע ברייטע אקסל האבן פארשטעלט דעם שטענדער מיט דער גמרא. פון זײַן געלעגער האט ר׳ שלום־שכנא בלויז געזען א געלבלעכן ליכטשטרײַף אויפן אסטראקאלקער רבס גערונצלטער באק, א שאטנפלעק אויף זײַן נאז און א גרויס אויג אויסגעפילט מיט א ניט־באוועגלעך שווארצאפל. אים איז גארניט שווער צו שטיין די גאנצע צײַט אויף די פיס און האלטן אין האנט אזא גרויסן קופערנעם לײַכטער? — האט ר׳ שלום־שכנא זיך געוואונדערט און זיך ווידער געבעטן בײַם רב דעם מנושם.

„זאגט עפעס א דבר־תורה, ר׳ יום־טוב ליפא, ס׳זאל ווערן פריילעכער אויפן הארצן. מיר האבן הײַנט געשמועסט פארשיידנס, אין לערנען אבער האבן מיר ניט געשמועסט.״

„איך האלט ניט פון חידושי־תורה,״ האט דער אסטראקאלקער ארײַנגעהוקעט אין דער גמרא אויפן שטענדער. „אבשטאט זיך צו זארגן אז די שטעטלשע קינדער זאלן לערנען א פרשה חומש און אז די אייגענע קינדער זאלן ניט ארויסגיין לתרבות רעה, זײַנען די הײַנטיקע רבנים פארנומען מיט זאגן און דרוקן פילפולים. אזעלכע עולם־הזהניקעס! מחבר זײַן ספרים אז א וועלט זאל קלינגען איז אויך עולם־הזה.״

דער אסטראקאלקער רב האט מיט די הוילע פינגער פארריבט דעם קנויט פון ליכט אין לײַכטער ווי פײַער וואלט אים גארניט געברענט, און זיך ווײַטער געשאקלט איבער דער באלויכטענער גמרא. ארויסברומענדיק זײַנע טענות קעגן די בלי־קודש: ווערליק די רבנים ריידן צו זייערע בעלי־בתים קען זיך דאכטן אז יענע־וועלט שטייט ווי פאר די אויגן, אז דער עולם־האמת איז פאר זיי ווי אריבערגיין א שוועל פון איין חדר אין אנדערן. נאר טאמער גייט דער רב א הוסט, לויפט ער גלײַך אין דער גרויסער שטאט צום גויאישן פראפעסאר און זאגט נאך אז ער טוט עס לשם־שמים, ס׳איז א מצוה אפצוהיטן דאס געזונט, זאגט ער. דער רב לויפט צו די פראפעסארן און די רבנית פארט אין די בעדער. טאן זיי די קינדער נאך און אויך זיי צאצקען זיך שוין מיט זייער גוף. האלב־נאקעטע ייִנגלעך און מיידלעך בייגן זיך, ברעכן זיך און זאגן אויף זיך אז זיי זײַנען די אייניקלעך פון יהודה־המכבי. און ווער איז שולדיק אין דער פריצות פון אט די בלומרשטע מכבים? די רבנים! אין אלץ זײַנען שולדיק נאר די רבנים! — האט דער אסטראקאלקער איבערגעריסן און איז אנטשוויגן געווארן אנגעבויגן איבער דער גמרא, ווי ער וואלט לחלוטין פארגעסן אין אורח אויפן געלעגער הינטער זײַנע פלייצעס.

דער ר׳ יום־טוב ליפא איז א געזונטער ייד ווי א בוים אין וואלד און זײַנע קינדער פאלגן אים, פארשטייט ער ניט א צווייטנס חולי־הגוף און חולי־הנפש, האט ר׳ שלום־שכנא אפגעזיפצט אין זיך און ס׳איז אים נאך אלץ געווען א הארצווייטאג וואס זײַן חלום, אז ער לעבט אין א ווינקל פון אסטראקאלקער בית־מדרש און קען זאגן בלויז תהילים, איז געווען ניט מער ווי א חלום. הלוואי איז ער טאקע אזא פשוטער ייד פון אט דעם ארעמען יישוב, וואלט ער פארשפארט זיך פײַניקן פאר אן עלטערער טאכטער וואס איז אנטלאפן פון פרומען מאן צו טאטע־מאמע, און פאר דער ייִנגערער טאכטער וואס וויל אנטלויפן פון טאטע־מאמע צו א פרײַען מאן. פריער איז ער געפארן קיין לעכעוויטש ראטעווען דעם ייִנגסטן זון, איצט פארט ער קיין ביאליסטאק זיך דערוויסן וואס ס׳טוט זיך מיטן מיטלסטן זון. אבער צום עלטסטן זון אין שווייצאריע קען ער בכלל ניט צוקומען. יענער וויל איבערהויפט ניט האבן צו טאן מיט טאטע־מאמע, און ווער ווייס צי ער וויל האבן צו טאן אפילו מיטן אלוקי ישראל.

דער משגיח פון תלמוד־תורה רייבעלט נאך אלץ אן אויפהער. דאס סיגארעטל צווישן זיינע וואנצעס און בארד איז צעגליט, געגליכן צו א רויט פייערל ביי נאכט אין א וואלד־געדיכטעניש. דער ייד וויל געפעלן דעם רבס יינגערן איידעם, דעם ווארשעווער משכיל, שושקעט ער אים אריין אין אויער אז אויך ער האלט פון לשון־קודש און אז מען דארף קענען פויליש. וואס קען עס שאטן אז מען לערנט די שפת־המדינה? באגעט מיכלזאן האט אבער פיינט חניפה, און אט דער ייד מיט דער גרויסער בארד זעט אים ווי דער "עיט צבוע" פון אברהם מאפו.

"און אין מורה נבוכי הזמן האט איר א מאל אריינגעקוקט?" פרעגט אים באגעט מיכלזאן.

"ווייס מען דאך! דער מורה נבוכים פון רמב"ם!" פינטלט דער משגיח פון תלמוד־תורה ממזריש־כיטרע מיט אן אייגל, ווי ער און באגעט מיכלזאן אינאיינעם וואלטן אפגעטאן די זעלבע עבירה.

דער ווארשעווער עקספעדיטאר הייבט זיך אויף פון טיש שטום און בלייך א טיף באליידיקטער, מיט א פארשוין וואס ווייס ניט אז דער מורה־נבוכים און מורה־נבוכי הזמן זיינען צוויי באזונדערע ספרים פון צוויי באזונדערע מחברים, מיט אזא עם־הארץ וויל ער איבערהויפט ניט ריידן. לא־די וואס אט דער האלט ער איז ניט קיין משכיל, איז ער אויך ניט קיין פרומער. א האר נאר ער האלט נאר א שטעלע ביי די פרומע, ווי איינער מיט א הארץ פון א גולן האלט א שטעלע אין א חברה וואס טיילט צדקה.

באגעט מיכלזאן וויל זיך מער ניט צוריקזעצן צום טיש. ער שפרייזט ארום איבער דער בית־דין־שטוב, ביז ער שטויסט זיך אן אויף א נידעריק קיילעכדיק יידל מיט א קורצן האלדז און א גרויסן פליכעוואטן קאפ צוגעדעקט מיט א ברעקל יארמלקע. אויך דעם יידלס אפגעפרעסטע באקן זיינען נאקעט־הויל ווי דער פליכעוואטער קאפ. מען קען אבער ניט ווייזן. עסט זיך באגעט מיכלזאן א לעבעדיקער. צי אט דאס יידל איז פון באטס גנבים און נעמט ארונטער די בארד מיט א זאלב אנשטאט מיט א גאלמעסער, אדער ער איז א טומטום און אים וואקסט בכלל ניט קיין בארד און אפשר זיינען אים די האר אויסגעקראכן פון א קרענק? ניכער פון אלץ איז ער הולטיי, א זולל־וסובא אויף פרעמדע שימחות. "איר שפילט אין שאך?" קוקט אויף אים אויס דער ווארשעווער עקספעדיטאר ווי א לאנגער דארער מרה־שחורהדיקער רייבפויגל מיט א קרומען שנאבל קוקט ארונטער אויף א שפרינגעודיק פויגל באשעפעניש מיט א ווייס בייכעלע.

"אין שאך? איר מיינט אודאי דאס שפיל אויפן ברעטל מיטן הילצערנעם קיסער און די הילצערנע סאלדאטן? ניין, איך שפיל ניט."

א קאמוניסט אין א יארמלקע! טראכט באגעט מיכלזאן און דרייט זיך אפ פון יידל מיט עקל. זיינע אויגן פארקוקן זיך אויף א זעמבינער תושב וואס דבקעט זיך און ברומט אונטער איי־איי־איי. זע נאר די פארגלאצעניש! אט דער חסיד שוטה איז ביי זיך זיכער אז ער האט רוח־הקודש, לאכט באגעט מיכלזאן. ער פילט א ניטגוטקייט אין מויל, א טריקעניש אין האלדז. זיינע דארע קנאכיקע פינגער קראצן אוש פון גלוסטעניש איבערצורוקן פיגורן אויפן שאכברעט.

"איר שפילט אין שאך?"

אים שווינדלט פאר די אויגן. באמערקט ער ניט אז ער פרעגט עס ביי דער שוועגערין כאוושע. יענע האט זיך קוים ארויסגעריסן פון ווייבערשן טיש וואו די רביצן וויגאסיע קיניגט איבער אלעמען. כאוושע איז אויסגערעגט, ענטפערט זי דעם שוואגער מיט כעס.

"דו ווייסט דאך אז איך שפיל ניט אין שאך, וואס זשע פרעגסטו?"

געווים האלט באגעט מיכלזאן ניט געפרעגט. ווען ער באמערקט אז ער רעדט צו דער שוועגערין, די פינטיפלושקע האט דאך עס פארקאכט די קאשע מען זאל פארן אהערצו קיין זעמבין. "אז דו האסט ניט קיין קאפ צו שפילן אין שאך, טא ביי וועמען וועסטו אויסלייען שכל זיך צו דערוויסן, צי דיין מאמע האט דיר איבערגעלאזט ירושה?" חוזקט דער שוואגער. "און אז דו קענסט יא שפילן שאך, האסטו שכל? ווען אונדזער שוועסטער שרה־רייזל וואלט דורך דיין קאנטאר ניט געשיקט די סחורה פון אירע בעלי־בתים, וואלסטו דאך געזעסן אן ברויט. עקספעדיטאר מיינער!" לאכט פון אים כאוושע און לאזט אים שטיין א פארגולמטן.

ביי די רביצן ביים טיש און געשטצימער ביי דער רב ביים טיש אין בית־דין־שטוב ווארפן אומרואיקע בליקן צו די טירן און פענצטער, מען דארף שוין באלד גיין אין בית־מדרש צו מינחה־מעריב און פון דארט אין תלמוד־תורה צו דער סעודה. נאר וויגאסיעס דריי זין זיינען נאך ניטא. בעת רב הייבט זיך אויף פון ארט — און פונקט אין דער מינוט באווייזן זיך די באלעבאטישע דריי יינגער־מאכערס, ווי די דריי מלאכים ביי אברהם אבינו.

זיי זיינען מיטליאריקע יידן מיט גרויליבע בערד, איינער פון אנדערן עלטער אויף א פאר יאר. אלע דריי טראגן שפאקולן אין מעשענע ראמלעך, שווארצע יידישע היטלען, לאנגע גרויע מאנטלען און שווערע שטיוול. זיי קומען אבער אריין אין בית־הרב מיט ווייכע טריט, ווי אין געמוזענע קאמאשן, און שטייען א ווייל אין איין ריי שווייגנדיק אן ארבל פארדוקט אין אן ארבל. גלייך עמעצער וואלט זיי פון דרויסן אריינגעשטופט אין דער טומלדיקער שטוב מיט גוואלד. פאמעלעך שארן זיי זיך צו א ביסל זייטיק צו דער מאמען. שטרעקן ניט אויס צו איר די הענט. נאר מורמלען עפעס צו איר וואס די ארומיקע דערהערן ניט. ווי זיי וואלטן געגעבן רמזים אין מיטן שמונה־עשרה ווען מען טאר ניט מפסיק זיין. וויגאסיע פארלירט מיט א מאל איר קול פון א גלאק, הייבט זיך אויף פון טיש מיט צעשטראלטע אויגן און זאגט שטיל צו די פרויען ארום איר, אז די דריי אורחים זיינען אירע זין. דעם רבס טעכטער און די שטאטישע בעל־הביתטעס בלייבן געפלעפטע. משמעות אז קיינער פון די האט זיך ניט גערינכט אז די געביטערישע רביצן האט אזעלכע אידעלע זין מיט פנימער פון למדן־וואזניקעס.

## 23

אקוראט ווי ר' אלי־לייזער האט זיך דערפרייט מיט דער עלטסטער טאכטער פון מארעדאליע און איר מאן, אזוי איז ער געווארן צעטומלט בעת ער האט דערזען די אומגעריכטע געסט — די טעכטער פון ווארשע. ער איז אבער גיך געקומען צו זיך און די קינדער ארומגעקרעכצט, ארומגעשמעקט, אויסגעפרעגט וואס זיי מאכן — און שוין, יוצא געווען, די טעכטער זיינען געבליבן איבערראשטע. דער אלטער טאטע זעט אים יינגער און קרעפטיקער, די פלייצעס האבן זיך אים אויסגעגליכן, ער טראגט א ריינע קאפאטע, אן אויסגעוואשענעם טלית־קטן. מען זעט באשטמפערלעך אז דאס ווייב גיט אויף אים אכטונג — האבן צווישן זיך גערעדט צופרידן די עלטערע שוועסטער. נאר כאוושע, די יינגסטע און קליגסטע, האט באמערקט אז דער טאטע רעדט צו זיי מיט אראפגעלאזטע אויגן, א סימן אז עפעס באהאלט ער אים. און די מיזינקע האט טריאומפירט קעגן די עלטערע שוועסטער: נו, האט זי עס ניט פארויסגעזאגט? אט די מארק־יידענע וויגאסיע האט זייער טאטן גוט אריינגענומען אין די הענט!

דעם שטאטישן עולם האט מען פארבעטן צו וועטשערע אין תלמוד־תורה. דארט האט געזאלט פארקומען די שימחה פאר אלעמען. בינתים האבן דעם רבס מקורבים און די געקומענע פארברענגט אין בית־הרב. ארום גרויסן געדעקטן טיש אין גאסט־צימער איז געזעסן די רביצן וויגאסיע, אנגעטאן אין א טונקל־רויט סאמעטן קלייד וואס האט געשמעקט מיט דער צייט פון איר ערשטער חתונה. נאר איינעם יום־טובדיקן קלייד האט

„און איך שעם זיך לחלוטין ניט!‟ האָט דער זקן צוריקגעקראָגן זײַן שטאַרק קול. „איך האָב געטאָן אַלץ אין דער וועלט אַז מײַנע קינדער זאָלן גיין אין מײַן וועג. און אויב איך האָב ניט אויסגעפירט, איז עס ניט מײַן שולד. מאַקע דערפאַר וואָס די מהרסים ומחריבים האָבן חרוב געמאַכט אויך מײַן הויז. פיר איך מיט זיי מילחמה נאָך מיט מער עקשנות.‟

אין די פענצטער פון די וואַרטנגען און געשעפטן אַרום מאַרק האָט שוין געבריענט דער זונפאַרגאַנג מיטן קאַלטן בראַנד פון אָפּגעשוינדן און פאַרפרוירן רויז פליים. דער אַלטער רב האָט דערפילט אַ ברעקעניש אין די קני פון שטיין אויף די פיס. האָט ער זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעזעצט אויף זײַן אָרט און געקוקט אויפן לאַנגן דעמבענעם טיש מיטן טריבן בליק פון אַ מלמד וואָס איז געבליבן אָן תלמידים. ער האָט זיך געקראַצט אין דער צעבראָכטעטער ברוסט, אין האַלדז אונטער דער באָרד און אונטער די פּאַכוועס. ער האָט געסאָפּעט און געוויקעט, זיך ווידער אַ ביסל אונטערגעהויבן, זיך ווידער אַראָפּגעזעצט און געטײַטלט אויפן אײדעם מיט אַ פינגער.

„לערנען קענסטו מער פון מיר און איך האָב זיך תמיד געגרייסט מיט דעם. איך האָב אויך געהאַלטן אַז דו ביסט אַ פּײַערדיקער זײַל פון קנאות. אָן עמוד האש! נאַר לעצטנס האָסטו זיך אויסגעלאָשן, ביסט מער ניט דער זעלבער. און ווען איך בין אַ מאַרעדאַליער בעל־הבית וואָלט איך געמאָנט מען זאָל דיר אָפּזאָגן פון רבנות. אַ רב וואָס איז זיך אָפּן מודה אַז ער וויל ניט אָדער קען מער ניט פירן אַ מילחמה מיט די וואָס גראָבן אונטער יידישקייט, אַזאַ רב טאָר ניט שטיין בראָש פון אַ קהילה. וואָס לאַכסטו? וויינען דאַרף מען, ניט לאַכן.‟

„איך לאַך? איך האָב גאָרניט געוואוסט אַז איך לאַך,‟ האָט ר׳ שלום־שכנא זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט דאָס שדל וואָס באַהאַלט זיך אין די פאַלדן פון זײַן בגד צי ערגעץ אונטערן טיש און ביכיקעס. „מײַן אײדעם, דער לעבעוודער רב און ראָש־ישיבה, האָט צו מיר תרעומות הלמאַי איך האָב אים געגעבן מײַן עלטערע טאָכטער פאַר אַ ווײַב. טילצע האָט נאָך אַלץ ניט שלום געמאַכט מיט איר מצב פון אַ רביצן. איז אפשר זאָל אויך איך האָבן תרעומות צו אײַך, שווער, אַז איר האָט מיר געגעבן אַ ניט צו־פרומע טאָכטער פאַר אַ ווײַב? דאָס מײַנע קינדער זאָלן ניט טאָן זכות ווייער מאַמע זיי צו פאַרענטפערן, און אַלץ פאַרענטפערט זיי אײַער טאָכטער.‟

דער אַלטער רב האָט אויפן אײדעם אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און איז געבליבן ווי פאַרשטומט. פון די נידעריקע וואָלקנס אין דרויסן איז אין שטוב מיט אַ מאָל געוואָרן טונקל. דער פאַרזאַמעטיקער זוניקער גאָלדגלאַנץ אויפן פּרוכת פון קלײנעם אָרון־קודש און אויף די רוקנס פון די ספרים האָט זיך אויסגעלאָשן. בלויז אין די ברילן פון ר׳ שלום־שכנא קאָצענעלנבויגן האָבן נאָך ווי טרערן געגלימצערט אַ פּאָר ליכטפלעקן.

"ווי איר ווייסט מסתמא, האָבן מיר ביידע, ס'הייסט, איך און אײַער עלטערער ברודער ר' רפאל־לייטע, געלערנט אינאײנעם אין סלאָבאָדקע. אײדער איך בין אַוועקגעפאָרן שטודירן קיין בערלין, מיר זײַנען ביידע געבליבן ידידים. אײַך דערמאָלט ווען אײַער פֿאָטער האָט ר' רפאל־לייטען אַראָפּגעבראַכט פֿון שטעטעלע וואו ער איז געווען רב און אים געמאַכט פֿאַר א היגן דיין. צוליב אײַער ברודער און למען השלום האָב איך א סך מאָל פֿאַרביסן מײַן כבוד כלפּי אײַער פֿאָטער. און איך האָב אויך שטילערהייט געהאָלפֿן אײַער עלטערן ברודער אַוועקפֿאָרן קיין אַמעריקע. האָף איך אַז איך מיט אײַך וועלן מיר זײַן ידידים. איז אפשר קענט איר אונדז דערקלערן פֿאַר וואָס אײַער פֿאָטער האָט מיר־ניט דיר־ניט געאָסרט זיסל יעדוואַבניקס שחיטה?"

דער בן־הרב האָט זיך געטאָן א שאָקל־אָפּ פֿון זײַן גלאַטצעניש און מורמלעניש, ווי א פֿאַרפֿרומטער ייד שאָקלט זיך אָפּ פֿון וואַסער נאָכן אַרויסגיין פֿון מיקווה, און האָט געענטפֿערט האַסטיק.

"וואָס דעם טאַטנס בעלי־מחלוקת זאָלן וועגן אים ניט זאָגן, זײַנען אַלע מודה אַז דער טאַטע זאָל לעבן איז אן איש־אמת און ער וועט ניט אָסרן א שוחט אָן א ראַיעלן יסוד. פֿריער טאַקע האָבן בײַם שוחט די הענט ניט געציטערט, נאָר איצט ציטערן זיי יאָ. און א סימן האָט איר אַז מען קען דעם חזן־שוחט ניט טרויען, איז די מעשה מיטן באָר. ר' זיסל יעדוואַבניק — איך זאָג עס אים אין די אויגן! — האָט די משוררים פֿון זײַן באָר אויסגעפּוצט אין קאַנטיקע יאַרמלקעס מיט פֿרענדזעלעך און אין שמאָלע זײַדענע ווײַס־בלויע טליתימלעך אויף די העלדזער, ווי דאָס איז אײַנגעפֿירט אין די דײַטשמערישע טעמפּלען. נאָכמאַכן די ניט־דערשמדטע יידן פֿון די טעמפּלען איז ווי נאָכטאָן גויים, און די תורה הקדושה האָט אונדז אָנגעזאָגט: ובחוקותיהם לא תלכו. א ייד טאָר ניט נאָכמאַכן א גוי אפֿילו ניט אין דער הלבשה. דער טאַטע זאָל לעבן ווייס וואָס ער טוט!"

זיסל יעדוואַבניק איז שטיין געבליבן א געפּלעפֿטער. אויך די בעלי־בתים זײַנען פֿון גרויס פֿאַרוואונדערונג געבליבן א ווײַל אָן לשון. ווען זיי זײַנען געקומען צו זיך האָבן זיי זיך צעליאַרעמט אַלע מיט א מאָל. דער ראַבינער האָט אַלעמען אַריבערגעשריען.

"פֿאַר יאַרמלקעס מיט פֿרענדזעלעך אָסרט מען א שוחט? אויב אַפֿילו יאַרמלקעס מיט פֿרענדזעלעך און בלוי־ווײַסע טליתימלעך זײַנען אין כלל פֿון אַנזאָג אַז מען טאָר ניט נאָכטאָן די גויים, קומט אויך ניט דעם חזן אַזאַ שטראָף. מען האָט אים געכאַפּט בײַ חילול־שבת? בײַ מזנה זײַן מיט א גויע האָט מען אים געכאַפּט? אַזעלכס האָב איך נאָך אין מײַן לעבן ניט געהערט!"

"מאַלע וואָס איר האָט ניט געהערט!" האָט שבתי־שעפּסל נאָכגעקרימט מיט כעס דעם ראַבינער. "א שוחט וועמען מען איז חושד מיט א זונה, איז אַפֿילו דאָ א דעה אַז זײַן שחיטה איז כשר. מען קען זאָגן יצרו תקפו. ער האָט ניט געקענט בײַשטיין דעם יצר־הרע. מאכיל טרפֿות זײַן וועט ער ניט. נאָר אַז דער שוחט טוט אַן עבירה וואָס ס'איז ניטאָ דערבײַ קיין גרויסע תאווה, ווער רעדט נאָך אַז אין דער עבירה איז מער אַפּיקורסות ווי תאווה, אַזאַ שוחט וועט געווים ניט אָרן צו קאָרמען יידן מיט טרפֿות. און אײַער שו"ב, ר' זיסל יעדוואַבניק — איך זאָג עס אים אין די אויגן! — האָט אין זײַן כאָר אײַנגעפֿירט יאַרמלקעס מיט פֿרענדזעלעך וואָס איז דער פֿאַסאָן אין די טעמפּלען פֿון די ניט־דערשמדטע יידן. אַזאַ שוחט־ובודק וועט זיך ניט אָפּהאַלטן פֿון זאָגן אַז די בהמה איז געקוילעט כשר אַפֿילו ווען ער האָט ניט איבערגעשניטן דאָס רוב סימנים. מהאי־טעמא טרוים מײַן טאַטע ניט זײַן שחיטה. דער טאַטע זאָל לעבן ווייס וואָס ער טוט!"

שבתי־שעפּסל האָט עס אויסגעזונגען מיט פֿאַרקוועטשטע אויגן און מיט אַזוי פֿיל דביקות אַז מען האָט געקענט שווערן, ער מיינט עס טויט־ערנסט. דעם רבס קעגנערס האָט עס נאָך מער דערצאָרנט און ווי האָבן עס איבער־דערציילט מיט א טריאומף דעם רבס מקורבים. זײַנען דעם רבס מקורבים צו אים אַרײַן מיט א געבעט און א וואָרענונג אַז ער זאָל אַראָפּנעמען פֿון חזן־שוחט דעם איסור, וואָרעם ער וועט קענען זיך האָבן די גאַנצע שטאָט, די גאַנצע וועלט. דערהערט ווי אַזוי שבתי־שעפּסל פֿאַרטיידיקט אים בלומרשט, האָט ר' אלי־לייזער גענומען טופּען מיט די פֿיס און שרײַען.

"שקר־וכזב! וואָס מײַן זון דער בהול זאָגט איז שקר־וכזב! איך האַלט טאַקע אַז דער חזן פֿאַרפֿירט די שטאָט מיט זײַן זינגען. אַנשטאָט דאַוונען מיט כוונה און אָפּגעבן די פֿרײַע צײַט אויף לערנען, שטייט מען אָפּ שעהן לאַנג כדי צו הערן ווי דער חזן ציקלט זיך און מען שמועסט אין מיטן דאַוונען. מען זאָגט מבינות אויף זײַן זינגען. איך האַלט אויך אַז מען טאָר ניט אָפּשאַפֿן קיין אַלטע מינהגים און מען טאָר ניט אײַנפֿירן קיין נײַע. נאָר פֿאַר אײַנפֿירן אַז די ייִנגלעך פֿון כאָר זאָלן טראָגן יאַרמלקעס מיט פֿרענדזעלעך וואָלט איך ניט געאָסרט זיסל יעדוואַבניקס שחיטה. איבער זײַן פֿירונג וואָס איז מיר ניט געפֿעלן בין איך געגאַנגען אין בוינע זען ווי ער שעכט. און איך האָב געזען אַז די הענט ציטערן בײַ אים. דערפֿאַר האָב איך אים געאָסרט, ניט חלילה פֿאַר עפּעס אַנדערש. גייט אַרויס איבער דער שטאָט און דערציילט יעדן אַז מען האָט אויף מיר אויסגעטראַכט א שקר־בילבול!"

מען האָט דעם זון אָפּגעטראָגן וואָס דער טאַטע זאָגט וועגן אים. האָט ער אויפֿגעהויבן די האַנטפֿלאַכן צו ביידע זײַטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אַליין צוגעשטעלט א פּאָר גרויסע אויערן פֿון אַן אייזל. "אַוודאי איז דער טאַטע זאָל לעבן גערעכט אַז איך בין א בהול און ווייס ניט וואָס איך רייד. אויב דער טאַטע זאָל לעבן זאָגט אַז ער האָט דעם חזן־שוחט ניט געאָסרט איבער די יאַרמלקעס מיט די פֿרענדזעלעך, נאָר ווײַל די הענט ציטערן בײַ אים, בין איך מבטל מײַן דעה בעפֿרא־דאַרעא, ווי חמץ אום פּסח. איך האָב גאָרניט געזאָגט!" און שבתי־שעפּסל איז דערבײַ אונטערגעשפּרונגען מיט אַזעלכע צעבראָכענע אויגן ווי ער וואָלט אויפֿן טאַטנס וואונק גרייט געווען שפּרינגען אין פֿײַער.

זעמבין האָט זיך צעטיילט. איין צד האָט געטענהט אַז דער רב איז בלויז אויסן צו פֿאַרהיטן די שטאָט פֿון עסן טרפֿות. דער צווייטער צד האָט געטענהט אַז ווײַל דער רב האָט אויפֿן חזן געוואָרפֿן אַן אומחן, האָט ער אויף אים געזוכט און געפֿונען א חיסרון. אַלע האָבן אָבער געוואוסט אַז דער רב וועט פֿון זײַן פּסק־דין ניט אָפּטרעטן. האָבן די בעלי־בתים פֿון נײַעם בית־מדרש בראָש מיטן ראַבינער זיך געקליגלט און צונגעטראַכט א פּלאַן: פֿון איצט אָן און ווײַטער וועט דער חזן זיסל יעדוואַבניק דאַוונען מיטן כאָר יעדן שבת און קריגן טאָפּל שכירות. זעמבין וועט נאָך מער ווי פֿריער קומען הערן אים זינגען און דער רב דער פֿאַנאַטיקער וועט זען אַז ער האָט גאָרניט אויסגעפֿירט.

מ'איז אַרײַנגעקומען אַ שוואַנגער ווײַבל מיט אַ לאַנגער נאָז, באַזעצט מיט זומער־שפּרענקלעך, און מיט אַ הויך־פֿאַרשפּיצטן בויך וואָס האָט פֿאַררייסן איר קליידל ביז צו די זאָקן־בענדלעך. אירע אויגן האָבן געקוקט חוצפּהדיק־פֿאַרשפּיצט אויפֿן שלאַנק־וואַקסיקן בחור, ווי איר וואָלט הנאה געטאָן וואָס ער איז פֿאַרגאַפֿט און פֿאַרשעמט פֿון איר פֿאַרווישטשטן דעם הויכן בויך. דאָס ווײַבל האָט זיך געהייסן ווײַזן טייגלעווער און האָט לאַנג געקליבן, בראַקירט. פֿריער האָט זי געזוכט ברייטע, טיפֿע און דיקע גלעזער. דערנאָך האָט זי פֿאַרלאַנגט העכערע און שמעלערע, פֿון דינעם גלאָז און מיט אַרײַנגעשליפֿענע 'אויגן'. לסוף האָט זי חרטה געקראָגן און געזאָגט אַז זי וועט בעסער קויפֿן אַ האַלב טוץ טעפּעלעך, ווײַל פֿון טעפּעלעך קען מען טרינקען אי טיי אי קאַווע. די קונהטע האָט אויסגעקליבן זעקס ווײַסע טעפּעלעך מיט אַן אָנגעמאָלענעם רויטן האָן און געפֿרעגט וואָס די מציאה דאַרף איר קאָסטן.

"בײַ מיר קאָסט טײַער. אַנדערהאַלבן זלאָטעס אַ טעפּעלע, זעקס טעפּעלעך — נײַן זלאָטעס. אַ גראָשן ניט ביליקער. איר קענט אָבער קריגן זעקס טעפּעלעך פֿאַר דרײַ זלאָטעס אַט דאָרט!" האָט שבתי־שעפּסל געוויזן מיט אַ פֿינגער דורך דער אָפֿענער טיר אויף אַן אַנדער געוועלב. דערבײַ האָט ער געמאַכט אַזאַ פּנים ווי ער וואָלט די ייִדענע געוואָרנט אַז אויב זי וועט אים נודנען נאָך איין מינוט, וועט ער זי אַרויסוואַרפֿן אויף צוויי שפּענדלעך. זײַן גדלותדיקע באַנעמונג האָט געווירקט. דאָס ווײַבל האָט זיך טאַקע איבערגעשראָקן און איז גלײַך אַוועקגעגאַנגען.

"פֿאַר וואָס, פֿעטער, קאָסט בײַ אײַך טײַערער, און פֿאַר וואָס האָט איר דער פֿרוי געהייסן גיין אין אַן אַנדער קראָם?" האָט רפֿאלקע געפֿרעגט.

"אַז שלומפּערקע ~~דאַרף וויסן דעם אונטערשייד צווישן שבתי־שעפּסל~~ עפּשטיינס פֿאַיאַנס־געשעפֿט ביז צו אַ געוועלבל פֿון גלעזערנע און ליימענע כלים פֿון אַ זעמבינער קרעמערל," האָט שבתי־שעפּסל אויסגעגאָסן מיט אַ פֿאַררייסענעם קאָפּ אויפֿן אויסגעשטרעקטן דאַרן האַלדז און מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אויף בײדע זײַטן, גלײַך ער וואָלט באַוויזן ווי אַ סאָלדאַט דאַרף שטיין פֿאַר זײַן עלטסטן. "פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועט אַט די שלומפּערקע וויסן אַז אין מײַן געשעפֿט טאָר מען ניט איבערוואַרפֿן די סחורה און מען טאָר זיך ניט דינגען. פֿון איר וועלן זיך דערוויסן אַנדערע און מען וועט זיך רײַסן צו קויפֿן דווקא בײַ מיר און דווקא ווײַל ס'קאָסט טײַערער. פֿאַרשטייסט? אַזוי איז שוין די טבֿע פֿון מענטשן."

גערעדט האָט ער אויף זײַן שטײַגער הויך אויפֿן קול, מיט שפּאָט און טריאומף, ווי ער וואָלט אײנעם אויסגעלאַכט און אַ צווייטן דערמוטיקט. דערבײַ אָבער האָט ער אומרויִק געדרייט מיטן קאָפּ און זיך כּסדר באַטאַפּט דאָס שיטערע בערדל, ווי ער וואָלט ניט געווען זיכער, צי ער געדענקט און רעדט פּונקט דאָס וואָס ער דאַרף ריידן.

"וועלכע גמרא לערנסטו איצט? זאָג אַ שטיקל תּורה, וועל איך דיר אָפּשלאָגן. האַלטסט ניט פֿון מאַכן אייגענע תּורה, פֿון זאָגן חידושים? ביסט פּונקט ווי דײַן טאַטע. אויך ער האַלט ניט פֿון זיך פּילפּלען. ער קען אָפּשטיין אויף איין בלאַט גמרא אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך. מיר האָבן אַ מאָל אַ שטיקל צײַט געלערנט בחבֿרותא. איז בעת דײַן טאַטע האָט זיך נאָך געקוועטשט אויף דף ז', האָב איך שוין געהאַלטן אויף דף כ"ז. נו, ביסט צופֿרידן וואָס דו האָסט אויסגעביטן מאַרעדאַליע אויף זעמבין? דאָ אין זעמבין איז נאָך אַ לעבעדיקע וועלט. מײַן טאַטע זאָל לעבן פֿירט נאָך מלחמה מיט די אפּיקורסים, און אַז ער שלאָפֿט אײַן צוליב זײַן עלטער, וועק איך אים אויף, האַלט איך אים אונטער. אָבער אין מאַרעדאַליע איז אַ בית־עולם. דײַן טאַטע האָט מורא צו זאָגן די בעלי־בתּים אַ קרום וואָרט. די זאָלן אים ניט ענטפֿערן; און אײַערע ~~[illegible]~~

~~[illegible]~~ איך האָב אײַך געוואָלט פֿרעגן, פֿעטער, פֿאַר וואָס זײַט איר פֿאַנאַטיש? דאָס הייסט, מער קיצוני פֿון זיידן, און פֿירט אין זײַן נאָמען קריגערײַען וואָס ער וויל גאָרניט פֿירן, אַ שטײַגער מיטן לערער פֿון דער תּרבות־שול? פֿאַר וואָס טוט איר עס?"

אויף שבתי־שעפּסלס פּנים האָט גענומען ציטערן אַ בלייך־נעבעכדיק שמייכעלע און ער האָט געענטפֿערט האַלב־סודותדיק עפּעס גאָרניט צו דער זאַך. "דער טאַטע האָט מיך זינט ייִנגלווײַז פֿאַרהוקעט און פֿאַרהוויטשעט." נאָר ער האָט קענטיק גלײַך חרטה געקראָגן וואָס ער גייט זיך פֿאַרטרויען אַ בחור אַ תּם. האָט ער אין אײַנבליק זיך אָפּגעטרייסלט פֿון זײַן דערשלאָגענעם אויסזען און זיך [illegible] צעלאַכט. "פֿאַר וואָס בין איך מער קיצוני פֿון טאַטן, פֿרעגסטו? דער טאַטע זאָל לעבן איז אויף דער עלטער און פֿאַרגעסט שוין צײַטנווײַז וואו ער האַלט אויף דער וועלט. דערמאָן איך אים זײַן אַמאָליקע הנהגה און איך האַנדל ווי ער וואָלט געהאַנדלט ווען ער איז נאָך בײַ די פֿרישע כּוחות. איך בין דאָך נאָך, ברוך השם, ניט אויסגעווייקט."

אין געשעפֿט איז אַרײַנגעקומען ר' מאירל גראָסמאַסטער, אַ ייִד וואָס זײַן פּרנסה איז פֿאַרקויפֿן אויגן־גלעזער. אויסער אַן אָפּטייקער, איז ער דער בעל־קורא אין נײַעם בית־מדרש וואו אויך שבתי־שעפּסל דאַוונט. אויף ר' מאירל גראָסמאַסטער זאָגט מען אַז פּונקט ווי ער איז אָפּגעהיט בײַם צופּאַסן ברילן און פֿאַרגעסט ניט אַ דריידל פֿון שלשלת בײַם אויסציקלען דעם טראָפּ אין דער תּורה, אַזוי איז ער אָפּגעהיט און פֿאַרגעסט ניט ווען ער קומט אַ חובֿ און ווער עס קומט אים. שוין פֿון זײַן אויסזען דערקענט מען אַז זײַן גאַנג אין לעבן איז: מײַנס איז מײַנס און דײַנס איז דײַנס. ער האָט אַ ציגבעק בערדעלע, ריינינקע נעגל און אַ פּאָר קלאָרע אויגן — אַ טויב בײַם וואַסער. איצט איז ער אַרײַנגעקומען קויפֿן אַ טוץ גלעזלעך, אַ מתּנה פֿאַר דער טאָכטער וואָס האָט ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט.

אַן אײַנגעלעבטער און צופֿרידענער האָט שבתי־שעפּסל גענומען אַרומטאַנצן אַרום אַרײַנגעקומענעם און אים ווײַזן אַלערליי סאָרטן גלעזער אויף ווײַן און בראָנפֿן: הויכע און טיפֿע כּוסות, נידעריקע און ברייט־בײַכיקע, רונדע און דרײַקאַנטיקע, גלאַטע און אײַנגראַווירטע מיט שטראַלעכלעך, מיט פֿײַלן און שטערן ביז צו די פֿוסגעשטעלן. וואָס מער גלעזער דער פֿאַיאַנס־קרעמער האָט דעם קונה געוויזן, אַלץ אומרויִקער איז יענער געוואָרן און איבערגעפֿרעגט מיט שרעק. "ווי פֿיל למשל דאַרף עס מיך קאָסטן?" נאָר שבתי־שעפּסל האָט אים געהאַלטן אין איין באַרויִקן.

אנגעפּאַלענע בלעטער. איבּ ער וויל ניט אונטער די ווערן באַגראָבן, קריכט ער און ראַנגלט זיך מיט זיי ווי מיט אַנגעשוואָלענע ים־כוואַליעס, ביז זיי ווערן אַלץ הייכער, ביז ער קומט אַרויף אויף אַ האַרטן טרוקענעם באָדן און אונטער זיינע פיס שאָרכעט ניט מער קיין איין בלאַט.

ער גייט אַצ אַלץ דורך אַן אַלייע פון אַן אַלטן פּאַרק. ניי̆ערט די שורות ביימער פון ביידע זייטן זייַנען שוין הויל־נאַקעט. דורך די שיטערע צוויי̆גן זעט זיך נאָך אַלץ דער וועלבער גרוי־פּאַרוואָלקנטער הימל מיט די דורכגעזיפּטע מיטלער־ווייסע שטראַלן. און הויך זייַנען די שטאַמען און דין; וואָס ווייַטער ער גייט אַלץ העכער און דינער ווערן די שטאַמען מיט די לאַנגע טאַרטשענדיקע הויל־נאַקעטע אומבאַוועגלעכע צווייַגן. ער איז אַרייַן אין אַ לאַנד וואו עס בלאָזט ניט מער קיין ווינט און די צייַט איז שטיין געבליבן אויף אַן אייביקן באַוועמבער. און דער וועג ציט זיך דאָ ניט באַרג־אַרויף, ניט באַרג־אַראָפּ; דער וועג ציט זיך — גלייך און גלאַט, האַרט און ריין ווי אַ שפּיגל, ס'איז אַ וועג אָן אַ סוף, אָן אַן עגד.

ער פילט ווי די קני ברעכן זיך אים שוין פון מידקייט, דער קאָפּ אויף אים שאָקלט זיך ווי אַ לאָמטערן אין ווינט. ער חלשט זיך אַראָפּצופאַלן אויף דער ערד און אייַנשלאָפן. בלייַבן ליגן אויפן וועג ווי אַ צונויפגעדרייטער וואָרעם. נאָר עמעץ שטויסט אים אין רוקן מיט קרומע קנאָכיקע פינגערס און רעדט צו אים פון הינטן מיט אַ הייזעריק ברייטיק קול. "גיי, גיי, וועסט נאָך אפשר וואו אָנקומען. טאָמער שטעלסטו זיך אָפּ אויף אַ מינוט, בלייַבסטו אין דער ממשלה פון אייביקער מרה־שחורה ווי איך בין געבליבן. גיי! גיי!" נפתלי־הערץ דערקענט דאָס קול. ס'איז ר' זאַליע־זיסקינד לוריא, דער געוועזענער דינאַבורגער עילוי, דער געוועזענער וויסאָקעדוואָרער רב און ראש־ישיבה, דער געוועזענער גרויסער מבגן — און אַלץ אַ געוועזענער מענטש.

באַטש ר' זאַליע־זיסקינד גייט פון הינטן און אָרום איז פינצטער, ווייס נפתלי־הערץ ווי דער געוועזענער ראש־ישיבה זעט איצט אויס. ער איז געוואָרן נאָך אייַנגעדאַרטער און אייַנגעשרומפּענער — אַ קאַרליקל אויף אַ פּאָר קרומע דינינקע פיסעלעך. בלויז דער הויקער אויף זייַן פּלייצע איז זיך צעוואַקסן נאָך גרעסער. זייַן צורה האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן, די קויל־שוואַרצע אויגן קוקן אַרויס פון די לעכער ווי צוויי אָסענע קעלערס. נפתלי־הערץ האָט איצט פייַנט דעם האָרבאַטן יידן וואָס גייט אים נאָך אויף די פּוסטרים. דער קאַליקע האָט אויסגעטראַכט אַז ער פאַלט אַרייַן אין מרה־שחורה פון רחמנות צו מענטשן. אַ ליגן! ער איז ניט קיין בעל־רחמים; ער איז אַ מרה־שחורהניק מחמת רישעות. ער איז אַ שלכטער דייער אַ שלעכטער מענטש, ווי עס זאָגן וועגן אים זייַנע שוואָגערס און שוועגערינס. אויך זייַן אייניקער זון טראַכט אַזוי, באַטש זאָגן זאָגט ער עפּעס אַנדערש. ווען דער זון וואָלט אַזוי ניט געטראַכט וואָלט ער דאָך ניט איבערגעציילט מיט שאַדנפרייד אַז זייַנע פעטערס און מומעס האַלטן דעם טאַטן פאַר אַ רשע־מרושע. ווען דער הויקער וואָלט ניט געווען אַזאַ אינקוויזיטאָר, וואָלט ער דאָך מיר איצט ניט געטראָטן אויף די פיאַטעס און ניט געהאַלטן אין איין הוקען: גיי שוין! גיי שוין! . . . מער גיי איך ניט! און נפתלי־הערץ לאָזט זיך אַראָפּ אויפן באָדן אין דער אַלייע צווישן די הימל־הויכע נאַקעטע ביימער.

דער הויקער שטייט איבער אים, קנייַפּט אים איַם שטיקער לייַב מיט זייַנע לאַנגע שפּיציקע נעגל און שרייַט אים אַרייַן אין אייער. "אַ דאָקטאָר פילאָסאָפיע ביסטו? אַן אַפּגאָרער ביסטו! איך דאַרף ווידער זייַן נעווגד און עסן בעטלברויט ביי פרעמדע טישן, ווייַל דיר האָט זיך געדאַכט אַז מייַן זון רעדט צו פיל מיט דייַן שוועסטער און ווער ווייס וואָס פון דעם קען נאָך אַרויסקומען. אָבער דו אַליין האָסט אַ ווייַב אַן ערלית און אַ זון אַן ערל. אַזאַ צבויאַק און אחיתופל ווי דו ביסט האָט נאָך די וועלט ניט געזען. שטיי אויף! שטיי אויף!" שרייַט דער הויקער, זייַן געוועזענער ראש־ישיבה, און קנייַפּט אים אויס שטיקער לייַב, געגליבן צום מלאך־הדומה וואָס שלאָגט מיטן שטעקן אין קבר פון אַ פרישן בר־מינן און וועקט אים צום בית־דין של מעלה. נפתלי־הערץ אָבער הערט ניט מער די געשרייען און פילט אויך ניט מער דעם ווייטאָג פון די שפּיציקע נעגל אין לייַב. ער זינקט אַלץ טיפער אין אַ האַרטן שלאָף נאָכן אויסגעלאָדענעם קאָשמאַר, ווי די אויסגעטריקנטע דאַרשטיקע ערד מיט אַלע אירע פלאַנצן און בראָיאים אָטעמען אָפּ לייַכטער נאָך אַן אויסגעבושעוועטן עלעקטרישן שטורעם.